**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 8.8 מיליאן דאלאר געשאנקען צו שאפן 35 יוניטס פון שטיצנדע האוזינג אין ניאגארא און שענענגאָ קאונטיס**

***פראיעקטן וואס האבן באקומען פינאנצירונג וועט שאפן 35 יוניטס און 76 בעטן פון פערמענאנטע און שטיצנדע האָוזינג פאר געוועזענע היימלאזע ניו יארקער***

***די דעוועלאפמענטס בויען ארויף איפן גאווערנער'ס פארפליכטונג צו פארגרעסערן די האוזינג סופליי דורכאויס ניו יארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 8.8 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן צו צוויי פראיעקטן אין ניאגארא און שענענגאָ קאונטיס וואס וועלן שאפן 35 יוניטס און 76 בעטן פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר מענטשן און פאמיליעס וועלכע זענען דורכגעגאנגען היימלאזיגקייט.

"דאס שאפן סטאבילע האוזינג מיט גרינגע צוטריט צו שטיצנדע סערוויסעס איז א קריטיש וויכטיגע טייל פון אונזער ארבעט צו העלפן עמפינדליכע פאמיליעס און מענטשן וועלכע זענען דורכגעגאנגען היימלאזיגקייט איבערקומען זייערע אומשטענדן און בליען אלס טייל פון די קאמיוניטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פראיעקטן, ווען פארענדיגט, אנטהאלטן דעם צוזאג פון טויש לעבנס צום גוטן דורכן העלפן געבן פאר אונזערע ניו יארקער די געצייג וואס זיי דארפן צו זיין ערפאלגרייך."

די גרענטס זענען געשאנקען געווארן דורך א קאנקורירנדע פראצעדור דורך די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי אסיסטענס'ס היימלאזע הויזינג און הילפס פראגראם, א וויכטיגע טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע, פארצווייגטע דירות פלאן, וואס איז געווארן צוערשט אדאפטירט אלס טייל פון די פיסקאל יאר 2023 בודזשעט. גאווערנער האקול'ס פלאן וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען.

מיט די לעצטיגע גרענטס, האט HHAP אוועקגעלייגט מער ווי 26.8 מיליאן דאלער פון די 128 מיליאן דאלער אין געלטער צוגעשטעלט אינעם פיסקאל יאר 2024 בודזשעט. די פראיעקטן וואס האבן באקומען פינאנצירונג רעכענען אריין:

- **קאמיוניטי סערוויסעס פאר עווערי1, אינק. (Community Services for Every1, Inc.)**, א 4.5 מיליאן דאלער צו אנטוויקלען 18 יוניטס און 26 בעטן פון פערמענאנטע שטיצנדע האָוזינג אין ניאגארא פאלס פאר פאמיליעס און מענטשן. דאס איז טייל פון א גרעסערע פראיעקט, די נעסט, וואס וועט פארמאגן א פריש-געבויטע זעקס שטאקיגע געמישטע באנוץ געביידע מיט א סך הכל פון 73 יוניטס, א קאמיוניטי צימער, אן-סייט רענטל אפיס, לאנדרי איינריכטונגען, טענענט פארקינג, און גרינע פלאץ מיט א שפיל פארק. די קאמערציאלע פלאץ וועט באנוצט ווערן דורך

קאמיוניטי סערוויסעס פאר עווערי1 צוצושטעלן דזשאב גרייטקייט און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פאר לאקאלע איינוואוינער.

- **גרעיטער אפארטוניטיס פאר ברום און שענענגאָו, אינק. ( Greater Opportunities for Broome and Chenango, Inc.)**, 4.3 מיליאן דאלער צו אנטוויקלען 17 יוניטס אריינרעכענענדיג 50 בעטן פון פערמענאנטע שטיצנדע האָוזינג פאר כראניש היימלאזע מענטשן און פאמיליעס אין ניו בערלין. דער פראיעקט נעמט אריין די פרעזערווירונג פון זיבן עקזיסטירנדע יוניטס און 10 ניי געבויטע יוניטס, ווי אויך די מעסיגע איבערבוי פון דריי געביידעס און אינעווייניגסטע איבערבוי פון נאך איינע.

אין צוגאב, איז יונייטעד וועטעראנס ביעקאן האוז צוגעטיילט געווארן 18,285 דאלער צו איבערבויען א געמיינזאמע בית הכסא און א 10-בעט עמערדזשענסי שעלטער אין סופאלק קאונטי.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף עקטינג קאמישאנער בארבארא ס. גין האט געזאגט,** "די סטעיט אינוועסטירונג אין די פראיעקטן וועט פארברייטערן די אוועילעביליטי פון פארזיכערטע, אפארדעבל האָוזינג וואס נעמט אריין צושטעלן שטיצנדע סערוויסעס צו געוועזענע היימלאזע פאמיליעס און מענטשן אין די קאמיוניטיס. גאווערנער האקול האט מיט רעכט פאקוסירט די באמיאונגען אויף הייבן די סטעיט'ס סופליי פון שטיצנדע און אפארדעבל האָוזינג דורכאויס די סטעיט כדי צו מאכן ניו יארק מער אפארדעבל און אנגענעם פאר אלע."

**קאמיוניטי סערוויסעס פאָר עווערי1 סי-אי-או מינדי צערוואני האט געזאגט,** "דער אויסטיילונג ערלויבט קאמיוניטי סערוויסעס פאר עווערי1 צו אדרעסירן באדייטנדע אומערפילטע געברויך פאר צוגענגליכע, הויכע-קוואליטעט און צוגענגליכע האָוזינג אין דער סיטי און ניאגארא פאָלס. די נעסט וועט צושטעלן פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג יוניטס און וועט ערלויבן קאמיוניטי סערוויסעס פאר עווערי1 צו העלפן איינוואוינער מיט סיי וועלכע פראבלעמען וועלכעביישטייערן מעגליך צו זייער האוזינג אומסטאביליטעט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און OTDA היימלאזיגקייט האָוזינג און אסיסטענס פראגראם פארן די לעצטע מעלדונגען פון שענקונגען. די שענקונג וועט צושטעלן קריטישע געלטער צו אדרעסירן דעם פראבלעם פון היימלאזיגקייט."

**גרעיטער אפארטוניטיס פאר ברום און שענענגאָו קאונטיס CEO מארק סילוואניק האט געזאגט,** "מיר זענען גאר צופרידן צו הערן אז מיר האבן באקומען די HHAP שענקונג דעם רונדע. מיר זענען גליקליך אז מיר האבן שוין פארענדיגט עטליכע פון די פראיעקטן אין ברום קאונטי. אונזער ערפארונג אין ערמעגליכן די פראיעקטן וועט אונז העלפן ברענגען הויכע-קוואליטעט און אפארדעבל האָוזינג צו שענענגאָו קאַונטי אויך. אזוי ווי פיל געגנטער אין דעם לאנד, איז שענענגאָו נישט אימיון צום האָוזינג קריזיס. פראיעקטן אזוי ווי דאס העלפן באקעמפן די שטייגנדע האָוזינג אומזיכערקייט וואס פלאגט ווייטער אונזער לאנד. מיר זענען צופרידן צו ווערן געטרויט מיט די געלטער, און מיר וועלן טון אונזער בעסטע צו פארזעצן די אויסמעקונג פון היימלאזיגקייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן